Rok I Kraków, 26 marca 1909 — קראקא, ד' ניסן תרס"ט. Nr 11

# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

Żydowska gazeta illustrowana.

Wychodzi każdego piątku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. — 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 — 1.50 Rbs

Pojedynczy egzemplarz 20 h. 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

Jüdische Illustrierte Zeitung.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראָנען, = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראָנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראָנען, = 1,50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזקא 62. טעלעפאן נ' 412. עסטרייך. פאסטשפארקאסען־קאנטא נ' 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיאדאווא נ' 12 פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נ' 16.

## פאר דעם קריעג.



פאר דעם קריעג; אבשיעד פון רעזערוויסטען אם באנהאף.



פאר דעם קריעג: די פערטהיילונג פון וואפען אן די בעפעלקערונג אין בעלגראד.

# פאר דעם קריעג.

די פאליטישע לאגע אויף דעם באלקאן האט זיך אין די לעצטע פאר טעג נישט געענדערט. דאס הייסט נישט געבעסערט, אפשר גאר פערשלעכטערט.

עסטערייך־אונגארן איז שוין געווען גרייט שבת איבערצוגעבען א „אולטימאטום" אין בעלגראד, און פאדערן, אז סערביען זאל ערקלערען, אז עס פערציכטעט אויף זיינע פארדערונגען און וויל אבריסטען; דער סערבישער רעגיערונג זאל געגעבען ווערען צייט פון 48 שעה אויף תשובה. ניבט זי נישט ביז דיעזער צייט א בעפרידיגענדע אנטווארט, בלייבט נאר איבריג דער קריעג.

די מעכטע, זעהענדיג, אז עס ווערד טאקי ערנסט, האבען נעפרובט דאס לעצטע מיטעל: נאך אמאל צו אינטערוועניערען ביי סערביען, עס זאל אויפגעבען זיין עקשנות און אבהאקען פון דעם געפעהרליכען אונטערנעהמען.

איטאליען האט ארויסגעשטעלט א „פארמעל", לויט וועלכען די מעכטע זאלען אנערקענען די „אנעקסיע" פון באסניען הערצעגאווינא און דערמיט וועט שוין סערביען קיין שום טענות נישט האבען; ענגלאנד ווידער שטעלט אן אנדערע פארמעל: עס זאל צוזאמענקומען א קאנפערענץ, וועלכע זאל בלויז ערקלערען, אז זי אקצעפטירט די ענדערונגען אין דעם בערלינער פערטראג וועגען באסניען און בולגאריען. פראנקרייך ווידער האט א ענליכע „פארמעל" פערפאסט.

אבער די הויפטשוועריגקייט ליעגט אין פעטערסבורג. די רוסישע רעגיערונג האט מיט עטליכע טעג פריהער ארויסגעשיקט א נאטע, אז זי קען נישט אנערקענען די „אנעקסיע" און דאס מוז צוערשט קומען פאר א קאנפערענץ. איבערדעם אויך קען איצט רוסלאנד נישט צושטימען צו אלע דיעזע פלענער.

אין בעלגראד האט די רוסישע נאטע ארויסגערופען א גרויסע שמחה, קראנפרינץ געארג איז אריינגעלאפען מיט א שמחה צו זיין טאטען דעם קעניג פעטער, וויזענדיג איהם די נאטע, וועלכע ער טייטשט אויס, אז רוסלאנד וועט טאקי קומען סערביען צו הילף.

אין פעטערסבורג לייקענט מען אבער אב די גאנצע מעשה. די אפיציעלע רוסישע קרייזע ערקלערען, אז רוסלאנד וועט זיך נישט אריינלאזען אין א קריעג צוליעב סערביען. מאנטאג אבענדס איז אין צארסקאיע־סעלא אבגעהאלטען געווארען א קריעגסראטה, אויף וועלכען פאסט אלע מיניסטער האבען זיך ארויסגעשפראכען געגען קריעג.

די מעכטע אונטערהאנדלען דערווייל ווייטער צווישען זיך וועגען דער „פארמעל", ווי אזוי זיי זאלען פערהיטען דעם קריעג און עסטרייך־אונגארן האט זיי צוליעב געטהון, ווארטענדיג מיט זיין לעצטער נאטע נאך די גאנצע וואך.

די וואך איז אבער שוין באלד פאריבער, די מעכטע האבען זיך נאך אלין נישט געאייניגט און אויב עסטרייך־אונגארן וועט טאקי איבערגייכען זיין נאטע, איז דער קריעג פארטיג.

סערביען מאבילוירט ווייטער מיט אלע כחות. מען פערטהיילט וואפען אלע וועהרפעהיגע מענער, מען גרייט אן מוניציאן, באמבען און דינאמיט. די סערבישע פרעסע העצט כסדר צום קריעג און אין אלע שטערט ווערען געמאכט דעמאנסטראציעס פיר דען קריעג.

ביי די סערבישע רעגיערונגסקרייזע וענען פאראנען צוויי פארטייען: קעניג פעטער, די מיניסטער נאוואקאוויטש און מילאוואנאוויטש וענען פאר דען פריעדען; קראנפרינץ געארג און די מיניסטער ציווקאוויטש און פאסיטש וענען פיר דען קריעג.

די קריעגס־פארטיי דראהט, אז פאלס דער קעניג וועט נאכגעבען, וועט אויסברעכען א מיליטערישע רעוואָ־



פאר דעם קריעג: קראנפרינץ געארג ברענגט זיין פאטער די בשורה, אז רוסלאנד וויל נישט אנערקענען די אנעקסיע פון באסניען.

# צוויי קעניגע.

אין דער איצטיגען קריזע שפריכט מען אס ווייניגסטען פון די צוויי באלקאן-שטאאטען, וועלכע זענען אייגענטליך די גרעסטע און בעסט-ארגאניזירסטע און וואלטען אייגענטליך בעדארפט דארט פיהרען דאס רעדעל.

עס זענען דאס רומעניען און בולגאריען.

ס׳זענען דאס צוויי יונגע קעניגרייכע, קוים עטליכע צעהנדליג יאהר זייטדעם זיי זענען ארויס פון אונטער דער טירקישער הערשאפט. זייערע הערשער האבען איבערגענומען די רעגירונג אונטער די שווערינסטע פערהעלטניסע. זיי זענען פרעמדע אין זייערע לענדער. קעניג קארל איז א האהענצאללערשער פירסט, קעניג פערדינאנד א קאבורגער פרינץ. ביידע האבען זיך דערמילט, ווען זיי האבען איבערגענומען די רעגירונג, נעמליך ווי א־יינגנב׳ענען פסור אין זייערע לענדער.

אבער ביידען איז עס געלונגען, זיך אזוי פעסט צו זעצען, אזוי גוט צו ארגאניזירען זייערע שטאאטען און איינצופיהרען דארט אייראפעאישע ארדנונג, אז זיי ווערען פון אלע גרויסע מעכטע געאכטעט און געשוינט.

זייער הויפט-פערדיענסט איז, וואס זיי אליין זענען אייראפעער, נישט קיין אריענטאלישע אינטריגאנען, ווי די הערשער פון סערביען און מאנטענעגרא.



קריעגסראטה אין מאנטענעגרא: מיניסטערפרעזירענט מאטאנאוויטש.

בולגאריען האט אין די לעצטע חדשים פון זיך אראבגעווארפען דעם לעצטען טירקישען יאך און זיך געמאכט זעלבשטענדיג אים גאנצען. ס׳איז אבער אלעס צוגעגאנגען רוהיג און געלאסען, אהן ליא־ם, אהן בעליידיגונגען און בעשימפפונגען פון אנדערע, אהן דראהונגען מיט באמבעס און דינאמיט. — און איבעדעם, חאטשי די אייראפעאישע מלוכות האבען דאס נישט געבילינט און געפאדערט פון בולגאריען, עס זאל דער טירקיי בעצאהלען א ענטשפרעכענדע ענטשעדיגונג פאר איהרע ביזהעריגע רעכטע, איז די גאנצע מעשה אפגעלאפען בשלום. אהן רעש און אהן געפילדער.

רומעניען, אלס נאהענטער שכן פון דער טירקיי, סערביען און בולגאריען האט זיך וועהרענד די לעצטע פאר יאהר, זייטדעם די מאצעדאנישע פראגע האט געהאלטען גאנץ אייראפא אין אויפרעגונג, פערהאלטען זעהר קארעקט. און איבעדעם איז עס ביי אלע מעכטע אנגעזעהען און געאכטעט.

די צוויי קעניגע, קארל און פערדינאנד, זענען פאריגע וואך צוזאמענגעקומען אין בוקארעסט. ביי דעם געשפרעך, וועלכעס זיי האבען צווישען זיך געפיהרט, האבען זיי געהאט געלעגענהייט זיך גענעגענד אויסצודריקען זייער צופריעדענהייט מיט זייער אייגענער פאליטיק,



פאר דעם קריעג: סערבישע זאלדאטען לאדען אויס די אנגעקומענע קריעגס-מאטריאלען.

לוציע. וועלכע וועט אבזעצען דעם קעניג און ארויפזעצען דעם קראנפרינץ אויף דעם טהראן. דער קעניג קען זיך קיין עצה נישט געבען, ווי אזוי ער וועט זיך ענטשיידען, איז אליין נישט גוט.

אין דער לעצטען שעה הערט זיך, אז די אונטערהאנדלונגען פון די מעכטע וועגען א געמיינזאמער אינטערווענציע האבען זיך צערשלאגען. נאך פארנאך וועט ענדע דיעזער וואך איבערריי־כען אין בעלגראד די לעצטע עסטערייכישע נאטע.

די סערבישע רעגירונג וועט, ווי עס זעהט אויס, ענטפערן אפלעהנענד און עסטערייך וועט ענטפערן מיט׳ן קריעג.

קעניג פעטער האט מאנטאג געבעטען דעם קראנפרינץ געארג, ער זאל נישט אזוי פיעל העצען געגען עסטערייך. געארג האט געענטפערט, אז אלס קינפטיגער קעניג לאזט ער זיך פון קיינעם נישט בעפעהלען. ער טהוט, וואס איהם געפעלט.

אין בעלגראד שטעהט פארבערייטעט א האפצוג מיט א געהייצטער לאקאמאטיוו, כדי די קעניגליכע פאמיליע זאל קענען יעדען מאמענט אוועקפאהרען.

ביי דער גרעניץ קומען כסדר פאר שיסערייען צווישען סערבישע און עסטערייכישע פאטראלען.

אין מאנטענעגרא האט מען דאס גאנצע פאלק מאבילוזירט. קינדער פון צוועלף יאהר אן האבען בעקומען וואפען.

די האפנונג, צו ערהאלטען דעם פריעדען, איז שוין אים גאנצען געשוואונדען. די נעכסטע טעג וועלען ברענגען די ענטשיידונג.



צוויי קעניגע: קעניג פערדינאנד פון בולגאריען און קעניג קארל פון רומעניען אויף דעם בוקארעסטער באהנהאף.



קריעגס-ראטה אין מאנטענעגרא: פירסט ניקיטא האלט א רעדע נעגען עסטערייך.

## ערצהערצאגין אלס קראנקענפלעגערין.

די בעאונרוהיגענדע נאכריכטען וועגען א בעפאר־שטעהענדען קריעג האבען פעראנלאסט די דאמען פון דער העכסטער עסטרייכישער אריסטאקראציע, זיך אנצובייטען צו דעם דיענסט פון דעם „ראטהען־קרייץ־געזעלשאפט“, וועלכע האט די אויפגאבע, אום קריעגספאל צו פפלעגען די קראנקע און פערוואונדעטע.

די ערצהערצאגין מאריא טהערעזיא, אלס פראטעקטארין פון דער געזעלשאפט, האט פעראנלאסט, איינצוריכטען א פראקטישען קורז, אויסצובילדען פרייוויליגע קראנקענפלעגערינען. דער קורז ווערד אבגע־האלטען אונטער אויפזיכט פון דעם פראפעסאר דר. מארין זילבערמארק לייטער פון דער כירורגישען אבטהיילונג אים אלגעמיינעם וויענער קראנקענהויז. אין דעם קורז נעהמען טהייל 33 דאמען. דארונטער מעהרערע פון דער העכסטער אריסטאקראציע.

אין דער ערשטען אינטעררכטס־שעה האט אויך די ערצהערצאגין מאריא טהערעזיא טהיילגענומען. זי האט זיך, גלייך מיט אלע דאמען, אנגעטהון דעם אפעראציאנס־מאנטעל און דאס פפלעגערינען־הייבעל אויף דעם קאפ. פראפעסאר דר. זילבערמארק האט צוערשט געהאלטען א קורצע טהעאָרעטישע איינלייטונג און באלד דאריף האבען זיך אנגעהויבען די פראקטישע איבונגען.

די ערצהערצאגין, וואס בעזיצט שוין געוויסע פאר־קענטניסע אין דער זאך, האט זעלבסט מיט גרויס גע־שיקליכקייט און זאכקענטניס 4 פערלעצטע פערבונדען, זיי צושפרעכענדיג טרייסט און פריינדליכע וואַרמע ווערטער.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אָרי־גינאל בילד, אויף וועלכען מען זעהט די ערצהערצאגין שטעהען ביים אפעראציאנס־טיש, אונטערשטיצט פון א הויפדאמע, פערבינדענדיג א פערוואונדעטען, נעבען איהר שטעהען דער פראפעסאר דר. זילבערמארק און (הינטער איהם) דער געוועזענער פרעזידענט פון עסטערייכישען רייכסראטה, אָבער־שטאבסארצט דר. גראף וועטער.

## קריעגס־ראטה אין מאנטע־נעגרא.

אין דעם איצטיגען פאליטישען קאנפליקט אויף דעם באלקאן שפיעלט דאס קליינע מאנטענעגרא א וויכ־טיגע ראלע.

מאנטענעגרא איז דער איינציגע שטאאט אויף דעם באלקאן, וואס וויל קומען סערביען צו הילף אויב ס'וועט אויסברעכען א קריעג.

די מאנטענעגרינישע אַרמעע איז אבער נאר קליין און שפיעלט אים אפענעם קאמפף א מינדערוויכטיגע ראלע, זי קען סערביען נאר אזוי פיעל נוצען, וואס עסטערייך־אונגארן וועט זיין געצוואונגען, צו האלטען א גרעסערע צאהל טרופפען ביי דער מאנטענעגרינישען גרעניין, כדי צו פערהיטען א איבערפאל פון די מאנטענעגרינער קיין באסניען און אויף דעם אופן וועט עסטערייכס פאזיציע אים קאמפף מיט די סערבען ווערען שווערער.

די מאנטענעגרינער זענען איבערהויפט וואוילע יונגען אין דעם קאנפליקט, די געאגראפישע לאגע פון דעם לענדיל איז א רעראַרטיגע, אז עס וועט די עסטער־רייכער נאר נישט איינפאלען, דארטהין אריינצוקומען, דער קאמפף צווישען די ווילדע בערג איז זעהר שווער און קאסטשפיעליג. די עסטערייכער וועלען זיך בעגניגען, צו היטען די גרענצען, די מאנטענעגרינער זאלען נישט אריבערקומען.

מאנטענעגרא קען זיך אלזא דעם לוקסוס פון א קריעג נאר גרינג ערלויבען, נישט מורא האבענדיג פאר די פאלגען.

דער קריעגס־לארם אין מאנטענעגרא, וועלכעס וויל אבלעקען א פיין אין דעם קאנפליקט, איז איבעריעם זעהר גרויס און אפילו דער פירסט ניקיטא, וועלכער איז ביז אין די לעצטע וואכען געוועזען א „אוהב־שלום“, העצט איצט צום קריעג.

ביים לעצטען קריעגס־ראטה, וועלכער איז ראַט געווארען אבגעהאלטען, האט דער פירסט ערקלערט, אז ער און זיין פאלק וועלען קעמפפען ביז צום לעצטען טראפפען בלוט, כדי די סערבען צו בעפרייען פון דעם „עסטערייכישען יאך“.

דער פירסט ווערד אויך שטארק אונטערשטיצט אין זיין קריעגס־אייפער דורך דען מיניסטער־פרעזידענט טאמאנאוויטש, וועלכער העצט כסדר צום קריעג.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר א בילד פון דעם לעצטען מאנטענעגרינישען קריעגס־ראטה, ווי אויך דאס בילד פון דעם מיניסטער־פרעזידענט טאמא־נאוויטש.



א ערצהערצאגין אלס קראנקענפלעגערין: ערצהערצאגין מאריא טהערעזיע פערבינדעט א פערוואונדעטען.

# דער שויפּלאַץ פוּנ'ם עווענטועלען באַלקאַן־קריעג.




דער שויפּלאַץ פון עווענטועלען קריעג: לאנדקאַרטע פון דעם באלקאן, שפּעציעל אנגעפערטיגט פאר די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג".

נאך איז די פראגע וועגען קריעג אדער פריעדען נישט ענטשיעדען; נאך אונטערהאַנדלען די דיפּלאָמאַטען און זוכען א „פּאָ־מעלי". ווי אַזוי אויסצוגלייכען די דיפער־ענצען צווישען עסטרייך־אונגאַרן און סערביען — אבער די האָפנונגען זענען לײדער זעהר קליין.

די שטימונג אין סערביען איז שטאַרק אויפגעֶרעגט און אויפגעהעצט. די ראַדיקאַלע פּאָליטיקער ווײסען, אַז אויב זיי וועלען נאָכגעבען, וועט קומען א סוף צו זייער הערשאַפט. דאָס בעטראָגענע פאָלק, וועלכעס זיי האָבען אַזוי אויפגעהעצט, וועט זיי אַוועק יאָגען פון זייערע בענקלעך. און איבערדעם מאַכען זיי כסדר שוועריגקייטען געגענאיבער אַלע פריעדענס־פערמיטלונגען און מען מוז רעכענען מיט דער מעגליכקייט פון אַ באַלדיגען קריעג.

נאר אַזוי ווי אַלע ניזיסע מעכטע זענען, וועגענס־טענס לפנים בעשטרעבט, צו דערהאַלטען דעם פריעדען און נישט דערלאָזען צו א „וועלט־קריעג", האָפט מען, אַז אויך ווען עס וועט קומען צו א בלוטיגער ענט־שיידונג, וועט דאָס זיך בעשרענקען אויף עסטרייך־אונגאַרן פון איין זייט און סערביען־מאָנטענעגרא פון דער אַנדערער זייט. די אַנדערע שכנים, טירקיי, בולגאַריען און רומעניען, וועלען סאַ־לייפיג רוהיג צוקוקען און בלייבען „ניימראַל". אַ וועלט־קריעג קען ערשט אויסברעכען, ווען רוסלאַנד וועט זיך אַריינמישען.

דער שויפּלאַץ פון דעם קינפטיגען קריעג וועט אַלזא זיין דער טהייל פון די באַלקאַן־לענדער, פון וועל־כען מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער אַ לאַנד־קאַרטע, שפּעציעל אָנגעפערטיגט פאַר דער „יודישען אילוסטרירטען צייטונג".

פון דער קאַרטע איז צו זעהען, אַז סערביען איז אַרומגעקלאַמערט פון עסטרייך־אונגאַרן ווי מיט אייזערנע קלאַמערס. פון איין זייט בילדען אונגאַרן, פון דער אַנ־דערער באַסניען־הערצעגאָווינא די גרעניצען, אויך מאָנטע־נעגראָ געפינט זיך אין עסטרייכישער איינקלאַמערונג.

די גרעניץ צווישען סערביען און עסטרייך־אונגאַרן בילדען די וואַסער דאַנוי, סאַווא און דרינאַ. ביי דעם בעפאָרשטעהענדען קריעג וועט אַלזא צופאַלען די אויפגאַבע די טעכנישע טרופען און דער דאַנוי־פלאָטע. די פלאָטילע, בעשטעהענד ציזאַמען אויס 13 שיפען און טאָרפעדאָס, וועט האָבען די אויפגאַבע, צו ערמעגליכען די עסטרייכישע טרופען דעם איבערגאַנג אין דעם פיינד־ליכען לאַנד. די טעכנישע טרופען דאַנעגען וועלען האָ־בען די אויפגאַבע, דיעזען איבערגאַנג צו ערמעגליכען.

די לאַגע איז אין א געוויסער בעציהונג פאַר עסטרייך גינסטיג, ווייל די דאַנוי, און די דרינאַ זענען ציעמליך פאַר דער פלאָטילע. דאַגעגען זענען די ברעגען אויף סערבישער זייט זעהר שווער צו איבער־שרייטען.

די סאַוואַ קומט צוזאַמען ביי סעמלין־בעלגראַד מיט דער דאַנוי. אט דאָ וועט זיך וואַהרשיינליך אויך אָבשפּיעלען דער ערשטער איבערגאַנג.

בעלגראַד איז צוואַר אַן אַלטע פעסטונג און ציעמליך גוט בעוואָפענט. אבער זיין לאַגע איז א דער־אַרטיגע, אַז די סערבישע קריעגס־פערוואַלטונג האָט שוין לכתחלה בעשלאָסען, די הויפּטשטאָדט צו ריימען ווייל יעדער ווידערשטאַנד וואָלט געוועזען אומזיסט. די קאַנאָנען פון דער עסטרייכישע פלאָטילע וועלען אין קורצער צייט מאַכען א חורבה פון דער גאַנצער שטאָדט.

וויכטיג פיר די קריעגס־אָפּעראַציעס וועלען איבער־דעם צווישען זיין די שטעדט: שאַבאַץ, סמעדערע־וואַ, פּאָזשאַרעוואַץ און דאַבראַ, וועלכע ליעגען האַרט ביי דער דאַנוי און ביי דער סאַווא. אט דאָ וועל־לען זיך אָבשפּיעלען די ערשטע בלוטיגע צוזאַמענשטעסע. סמעדערעוואַ און פּאָזשאַרעוואַץ זענען אויך שטיקליך פעסטונגען; אבער זעהר שוואַך און ווייניג ווידערשטאַנדס־



גראף פאָרגאַך, דער עסטרייכישער געזאַנדטע אין בעלגראַד.

נעבען א געזעץ, מיט וועלכען סובארין, מענטשעקאָ'ן און זייערע חברים וועלען שוין זיין צופריעדען...

דער פינלענדישע סענאט האט פערבאטען די יודישע שחיטה!

נישט די שחיטה פון יודען! אזוי ווייט רייכט נאך נישט זייער מענשענפיינדליכקייט; נאר די שחיטה פון אקסען לויט דער יודישער רעליגיע! זייער וויך הארץ קען נישט צוזעהען דאס צער־בעלי־חיים, די שמערצען פון די אקסען, ווען זיי צאפּלען אונטער'ן חלף פונ'ם שוחט...

די פינלענדער פאלגען שוין, וואס מען בעפעהלט זיי פון פעטערסבורג... קרושעוואן, פורישקיעוויטש, באב־רינסקי און זייערע חברים וועלען שוין נישט מעהר שימ־פפען איבער זיי. זיי זענען שוין גוט און פרום...

נאר נישט געזארגט. דער „וועלט־פריעדען" האט שוין איבערגעלעבט אזוינע „קונדסים" ווי קראנפרינץ נעא־ן; און די יודישע רעליגיאן האט שוין איבערגעלעבט אזוינע בעשליסע ווי דער לעצטע פונ'ם פינלענדער סע־נאט...

נאר נישט פערליערען די האפנונג; נאר נישט פערצווייפעלט! גאט וועט שוין העלפען און מיר וועלען נאך האבען א נוטען שבת.

# א יודישער באטשאפטער.



א יודישער באטשאפטער: אסקאר שטרויס, דער נייער אמערי־קאנישער באטשאפטער אין יאפאן.

פון וואשינגטאן מעלדעט מען, אז פּרעזידענט טאפט האט אנגעבאטען צו אסקאר שטרויס, וועל־כער איז געוועזען האנדעלס־מיניסטער אין ראזעוועלט'ס קאבינעט, דאס אמט פון אמבאסאדאר צו יאפאן. שטרויס האט עס אנגענומען.

פּרעזידענט טאפט האט נאך א לאנגען ישוב־הדעת געפונען אז שטרויס איז דער פּאסענדסטער מאן צו פערט־עטען דעם וויכטיגען אמט פון אמבאסאדאר צו יאפאן. שטרויס איז זעהר גוט בעקאנט מיט אינטערנא־ציאנאלע געזעצע און דיפּלאמאטי. ער איז געוועזען גע־זאנדטער צו טירקיי אונטער פּרעזידענט לינקאלן און האט פיעל נוצען געבראכט צו אמעריקא.

אויסער דעם האט שטרויס אלס האנדעלסמיניסטער שטודירט די פראגע פון יאפּאנישע איינוואנדערונג און האט זיך א־ויסגעצייגט אין דעם זעהר ליבעראל און זעהר פריינדליך צו די יאפּאנער. פּרעזידענט טאפט האט איינגעזעהן אז איצט, ווען די בעציהונגען צווישען אמעריקא און יאפאן זענען פערדונקעלט געווא־רען דורך די אגיטאציאן געגען יאפּאנער אין איינינע אמעריקאנישע שטאאטען, איז בעזאנדערס נויטיג אז א פריינד פון יאפאן זאל פערטרעטען אמעריקא'ס אינטע־רעסען אין יענעם לאנד.


## לכבוד פסח

די נומער 12 פון דער „יודישע אילוסטרירטע ציימונג" וועט ענטהאלטען א בעזונדערע הומאריסטישע גראטיס־ביילאגע

# „מה נשתנה"

מיט העכסט אריגינעלע ארטיקעל, הומאר און סאטירע, קאריקא־טורען, הומאריסטישע בילדער א. ז. וו.

די פ. ט. פערשלייסער ווערען געבעטען, רעכטצייטיג בעקאנטצוגעבען, וויפיעל נומערן זיי ווינשען, כדי מיר זאלען וויסען וויפיעל עקזעמפּלארע צו דרוקען.

די אדמיניסטראציע.

# דאס יודישע מעדכען־וואיזענהויז אין ירושלים.



אלה הן היתומות הקטנות האסופות במעון הכללי הזה;
עיניהן תלויות ובצפית לרחמי נדיבי לב, לתמוך ולחזק „בית המחסה" שלהן. — לב מי לא יחם! רגש מי לא יתעורר!
Adresse: Allgemeine Israelitische Mädchen Waisenhaus in Jerusalem, Palästina. (אדרעססע

געגרינדעט איז עס געוואָרען מיט 9 יאָהר צוריק דורך יודישע כלל־טהוערס אין ירושלים, וועהענדיג אין וועלכען עלענד עס לעבען די עטליכע צעהנדליגגער אָרימע יודישע יתומות אין דער הייליגער שטאדט, וועלכע, נישט האָבענדיג קיין היים, קיין אויפזיכט און קיין משניה, פאלען זיי געפיך אין די הענד אריין דער מיסיאָן, וואָס שפּייט אוים איהר גיפט פאר די יודישע נשמות.

דיעזער צוועק אליין מאכט שוין דאס „בית־מחסה יתומות הכללי בירושלים" פאר זעהר א וויכטיגען אינ־סטיטוט, וועלכעס פערדיענט די אלגעמיינע אונטער־שטיצונג.

אָבער די נרינגסטער פון די פערוואלטינג פון דעם וואיזענהויז בעגניגען זיך נישט דאמיט אליין, אויסצוהאלטען די יתומות מיט עסען און קליידער אויף דעם בעסטען אופן. מען לערנט זיי אויך אוים פערשידענע האנדאַ־ביי־טען און ווען זיי פערלאָזען דאס וואיזענהויז אינטערעסירט מען זיך ווייטער פאר זיי. מען פערשאפט זיי ארבייט, פערקויפט די ערציינטע נעגענשטענדע און דאָס געלד ווערד געזאמעלט פאר יעדער יתומה ביז צו איהר הייראטה.

די יתומות בעקומען תורה־לזה, א שטרענג יודישע ערציעהונג און זיי ווערען ערצויגען צו אמת'ע יודישע קינדער במלא מובן המלה.

געגענוועַרטיג געפינען זיך אין דעם „בית־יתומות הכללי בירושלים" 140 קינדער. דאס וואיזענהויז שטעהט אונטער אויפזיכט פון עטליכע הערפאָרראגענדע בעלי־בתים אין ירושלים, וועלכע זאָרגען אז אלעס זאל זיין אין דער גרעסטער אָרדנונג. דאס וואיזענהויז איז א ווירקליכע מוסטער־אנשטאלט און פערדיענט די גרעסטע אונטער־שטיצונג פון כל אחינו בכל תפוצות ישראל.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער עטליכע פאָטאָגראפישע בילדער פון דעם וואיזענהויז, פאָרשטעל־ענדיג די אנשטאלט זעלבסט, דאס שפּייזע־צימער און דאס אַרבייטס־צימער, ווי אויך די יתומות מיט די פער־וואלטערינס.

געגענוועַרטיג געפינט זיך אין גאליציען דער אנ־געזעהענער וויינהענדלער ה׳ שמואל פישמאן פון ירושלים, וועלכער פאָהרענדיג קיין איירָאפּא אין געשעפטס־אנגעלעגענהייטען האט עס גענומען אויף זיך, צו זאמלען געלד פאר דיעזע וויכטיגע אנשטאלט, אהינו בני ישראל ווייסען אויך צו ווירדיגען דעם גרויסען וויכטיגען צוועק פון דיעזען וואיזענהויז און ה׳ פישמאַן בעגעגענט איבעראל די פריינדליכסטע אויפנאהמע און די גרעסטע פריינד־ליכקייט.

ס'איז נישט נויטהיג צו וויעדערהאלען, ווי וויכטיג און נויטהיג דאס וואיזענהויז איז, און וויל זיינע הוצאות זענען אוננעהייער גרוים, איז עס אנגעוויזען אויף די אונטערשטיצונגען פון אחינו בני ישראל אין דער גאנצער וועלט. אלע גרויסע יודישע מענער וואָס האָבען בעזוכט דאָס הייליגע לאנד און גענומען געלעגענהייט, צו בעזוכ־טיגען דאס וואיזענהויז, האבען אויסגעדריקט זייער לויב איבער דער גוטער פערוואלטונג און די נויטהווענדינקייט פון אזא אנשטאלט אין ירושלים.

ווער עס וויל עפּיס שפּענדען לטובת „בית־יתומות הכללי בירושלים", קען שיקען דאס געלד צו די פאל־גענדע פערזאָנען: ר׳ יהודה בירנבוים קראקא; ר׳ יהודה ליב ליטוואַק, לעמבערג; ר׳ אליעזער שלאָסער, סטאַניסלוי; ר׳ דוד לבוב, טאַרנאָפּאָל; ר׳ יהושע פארענהעכט, קאלא־מעא; ר׳ אליעזר רובין, טאַרנאוו; ר׳ דוד לאַנדא, פשע־מישל און ר׳ משה ראָטה, טשערנאָוויטץ.

## נאָטיצען.

— א „גראמאָפאָן" אין שטוב איז דאָס גרעסטע פערגניגען. גרוים און קליין הערען גערן די שענסטע ליעדער און סעלאָריען פון די גרעסטע קאמפּאזיטארען און זענגער. — אָבער ס'מוז זיין א גוטער „גראמאָפאָן", נישט קיין ווערטה־לאזע אימיטאציע, עכט זענען נאָר די גראמאָפאָנס מיט דער מאַרקע „שרייבענדער ענגעל". וועלכע מען בעקומט ביי ה׳ יאָזעף וועקסלער אין קראקא, גראָדגאַסע 71. (נעהערעס אין דער אַנאָנסע אויף זייטע 16 פון אונזער היינטיגער נומער).

— וויכטיג פיר הויזפרויען. ביי דעם איצטיגען אלגעמיינעם יקרות איז עס פאר מינדערבעמי־טעלטע שווער, צו קויפען עכטע קוה־בוטער. די מאַר־גארינע און עהנליכע ערזאַצפּראָדוקטען זענען אָבער געזונד־הייטס־שעדליך און געשמאַקלאָז. ווירקליכער ערזאַץ פאר עכטער קוה־בוטער איז די פּאַטענט־בוטער „מאנאפאל", וועלכע ווערד ערציינט אין דער ערשטער עסטערייכישער פּאטענט־בוטער־פאבריק, קראקא, יאַגאַגאַסע 8. דיעזע בוטער איז אין יעדען בעסערן געשעפט צו בעקומען, שטרענג כשר און זעהר ביליג.


אין רומעניען
אין דער
גענעראל פערטרעטער
פון דער „יודישען אילוסטרירטען צייטונג"
ה׳ MAJER KATZ, Pascani

# רעטהזעל.

(די נעמען פון די אויפלעזער ווערען פּער־
עפענטליכט).

## רעטהזעל אויפלעזונגען.

די אויפלעזונג פון די רעטהזעל אין נו׳ 10 איז:

I.

זילבער
א־נא
נארבערט
ניסיקאלאה
ואלפיש
יולי
לעפעל
לעאפאלד
„זאנגוויל — ראטהשילד“.

II.

„פויל — מויל“

.אז ס׳איז פויל, ראָט מען נישט אין מויל.

ריכטיגע לעזונגען האָבען איינגעשיקט: בילה נאָטליעב, סאנדאוויא־זווישניא. מאַטילדא שיף, באריס־לאוו. הערמאַן קאפּיטאַ, נאָרליצע. רחל האנעל גענ ריזולער. דאָלינא. קלמן פּ־אָפּער, קישאַנוב. משה ליעבער־מאַן, סאַנדאָוואַ ווישניא. גרשון ווינצעלבערג. טאַרנאָוו. משה נארלער. זאלקיעוו. יצחק צעלניק בראָדי. זיגמונד אפּפּעלגרין, סטאַ־אסאָל. נתניה באָרנשטיין. סקאָלע. חיים פעלר. טארנאָוו. יעקב און אברהם הויפּטמאַן, סטרי. אליקום ריינער, בראָדי. שמעון פּאלאק, טאַרנאָוו. אבינדור־רייך, קאלבושאַוואַ. נתן רייך, טורקאַ. ויידע שוואַמ־הושיאטין, יעקב מיימון זאלקיעוו. יצחק וויניצער, פּאָרליפּצע. נתן מארדער הושיאטין, מתתיהו קאַלטער, פּשעמישל. הערמאַן לאַנזאַם, קראקא. נתן העניג. ניי־סאַנדעץ. יצחק שיף, סאנוק, וואָלף נאַטעסמאַן, שניאטין. יוסף קוטין. בראָדי, זעלינ בעאטיס, קאנין (קאלישער גוב.). אייזיק און אברהם יעטשעס, פּאָדוואָלאָטשיסקא. אלימלך גרינשפּאן, קראקא, שושנה קליינמאן, טלומאַטש. אריה פּעפּס, טאַרנאָפּאָל, לעמיל סאַליק, סאנאָק. נתן פּייז, פּאָדוואָלאָטשיסקא. יצחק סופר, שניאטין, זלמן האַכבעיגער, סטרי. זינדעל ראהרבערג, זאָלקיעוו. מענדעל גרינפּוים, ווארשא. שלמה גרין, ווילנא. בנימין אפּפּעל. וויען. לעאָפּאלד גרינבערג, בודאפּעסט. שלמה נאש. טשערנאָוויטץ. זיגמונד אַפּפּעל־גרין און מרדכי פּייליך. סטאַ־אָסאָל. שמואל זיינוויל פעדער, סאַסאָוו. דוב ברילער, טאַרנאָפּאָל. שלמה בעסטער. באָריסלאוו. חיים און חנה מייועלס, לעמבערג.

## בריעפקאסטען.

נייער אבאָנענט: אויב דער נייער אמעריקאַנישער קאָנסול אין וויען איז א יוד, איז נאָך נישט בעשטעמינט. לויט צייטונגס־מעלדונגען איז ער א טארנאָפּאָלער. אפשר וועלען זיך דאָ־ט אונזערע לעזער ערקונדיגען

ה. ק. נאָרליצע: אלס אבאָנענט האָט איהר תמיד מעהר רעכטע ווי אלס איינצעלקויפער.

בן־יוסף: די אדרעסע איז: ח. איסקאָוויטש, לעמ־בערג, גראָדעקער־גאסע. דאָס איז גענוג.

השואל מווארשא: מיר קענען אונז מיט אזוינע פּ־אגען נישט בעפאַסען. דאָס געהער אין א אויסנעשפּראָ־כען ליטעראטור־בלאַט.

# פּרעמיעס

פאר די אבאנענטען פון דער

## „יודישען אילוסטרירטען צייטונג“.

א) ווער עס אבאָנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע אין קראקא וועניגסטענס אויף א האלב יאהר, צ[?]יינשקענדיג דאָס געלד אים פאָרויס, בעקומט די נאכשטעהענדע 15 העפטע פון דעם בעריהמטען, האָכשפּאנענדען דעטעקטיוו־ראָמאן „מאקס שפּיצקאפּף“ (יודישער שערלאָק האָלמעס), וועלכע קאָסטען צוזאמען 3 קראנען, בלויז

### פאר 1 קראנע.

(חוץ 30 העללער פּארטא)

יעדעס העפט ענטהאלט, א גאנצען אָבגעשלאָסענע האָכשפּאנענדע ערצעהלונג, קיין פאָרטזעצונג, מיט א שענער אילוסטראציע.

די העפטע ענטהאלטען פאָלגענדע ערצעהלונגען:

| | |
|---|---|
| 1) גערויבט צו דער שמד... | 9) דער באנק־איינברעכער. |
| 2) באַנקנאָטען פעלשער. | 10) די קינדער־מערדערין. |
| 3) עלילת דם... | 11) דער טוידטען־גרעבער. |
| 4) א רעטהזעלהאפטער מאָרד. | 12) דאָס געהיימניס פון א מיליאָנער. |
| 5) דער שמוגגלער... | 13) די דערטרונקענע כלה. |
| 6) דאָס געפעלשטע טעסטאמענט. | 14) דער מיסיאָנער. |
| 7) דער שפּיאָן. | 15) די נאכטוואנדלערין, |
| 8) דער מערדער העגדלער. | |

ב) אנשטאַט דיעזע העפטע קען מען אויך בעקומען די פאָלגענדע וויכטיגע ספרים פון דעם גרויסען יודישען געלעהרטען דר. ש. רובין:

א) תהלת הכסילים, ב) ספור יצירת העולם, ג) שני לוחות הפילוסופיה,

וועלכע קאָסטען 4 קראנען, בלויז

### פאר 1.50 קראנע.

(חוץ 30 העללער פּארטא)

ג) ווער עס אבאָנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ אויף א גאנץ יאהר און בעצאהלט אים פאָרויס, בעקומט ענטוועדער די 15 העפטע מאקס שפּיצקאָפּף אָדער די ספרי דר. רובין

### גאנץ אומזיסט.

די אבאָנענטען ברויכען נאָר צו שרייבען, וועלכע פּרעמיע זיי ווינשען: האלב יעהריגע אבאָנענטען ברויכען גלייכצייטיג צוצושיקען דאָס געלד פאר דער פּרעמיע.




PIECZĘCIE KAUCZUKOWE
DRUKARNIE DOMOWE, SZYLDY, NAPI-
SY EMALIOWANE i ODLEWANE
WYKONYWA
ALEKSANDER FISCHHAB
KRAKÓW GRODZKA 50

*Drukarnia*
*Józefa Fischera*
*w Krakowie - Grodzka 62*

*Staranne i szybkie wykonanie*
*wszelkich robót drukarskich.*

HOTEL-RESTAURANT
**Rosenthal**
**Lemberg,**
Rzeźnicka.

## מיינע בילליגע! פרייזע עררעגע! אויפזעהע!



איינע ניקקעל־אנקער־רעמונטואר־טאשען־אוהר מיט 36-
שטינדיגען ווערקע, מארקע „ס י ס ט ע ם־ר אָ ס ק א פ ף
פ א ט ע נ ט" זאמט שענער ניקקעלקעטטע אונד אנהענגער
פל. 1.75, נביי אבנאהמע פון 3 שטיק פל. 5.— 6 שטיק
פל. 9.50.

**IGNAZ ZYPRES.**
**KRAKAU, Oesterr. FLORYANERGASSE 49/c.**

רייכאיללוסטריקרטע פרייזקוראנטע מיט 800 אַבבילדונגען גראַטיס אונד פראַנקא.

---

# Mineralwasser!

En gros-Versand! Export nach Russland und Rumanien!
Directe Verbindungen mit den Quellen!!
Nahere Auskunft und Preise gratis und franko!!
1) **N. Traums Sohn, Tarnów,** (Galizien).
2) **N. Traums Sohn, Kraków,** Dietelsg. 46. Tel. 869.
**Gründungsjahr 1864.**

---

## Eisig Kreppel, Krzywcza a/ San
bei Przemyśl

## Strohhute Fabriks-Niederlage

עמפפעהלט זיין רייכהאלטיגסטעס לאגער פאן זעמטליכען סארט

## שטראה־היטע

אונד צוואר: מאטראזען וויים אונד מעלירט, הוקסער וויים אונד מעלירט, מענער־היטע וויס, שווארץ, בעיש, דראפ אונד גרוי. פאנאמע אין פערשיעדענע פארבען, הערנאדע עטצ.

איינע גרויסע אויסוואהל אין **קינדער־היטע** זעמטליכע סארטען אין פערשיעדענע נאַטונגען צו פערשיעדענע פרייזען. זא ביללין דאס קיינע פירמע נאכצוקאנקורירען אין דער לאגע איזט.

אויף וואונש זענדע איין סארטירטעס מוסטער פאַקעט פר. נאכנאהמע, מיט דער פערפפליכטונג יעדעס אונקאנפעניערענדע אנשטאנדסלאז צוריקצונעהמען און בארגעלד צוריקצוזענדען.

פרייז־ליסטע זענדע אויף וואונש איין. יעדע סארטע קאן מאן שטאַפירט אדער אונשטאפירט בעקאמען.

---

# ברוכבענדער

זפעציאליסט אין באנדאזשען־פאבריקאציאן
פאכמאן זייט 25 יאהרע

**Ant. M Mirkiewicz w Krakowie Mostowa l. 4**

עמפפיעהלט אן לייסטען־ברוך לידענדען פערזאנען ברוכבענדער אייגענער אויסארבייטונג וויא איך בוינבינדען בעסטער קאנסטרוקציאָן, האכפריסא — בענדער אָהנע שנאלל, איינענער ערפינדונג, דיא דען פארציג האָבען, ראם זיא קיינע שמערצען פעראורזאכען. פיר פערזאָנען ביא וויט פּארטגעשריטטענעם צושטאנדע האט ער אם לאגער רעכט-מעסיגע שוטצבענדער.

עם ווערדען אויך אויפקלערונג וועגען דער אנווענדונג דעס באנדעס ערטהיילט, וואס פיר אנפענגער איין גרויסען פארטהייל האט דא עם צור היילונג פיהרט אונד דאס אונטער גאראנטיע.

---

**Graetz**
Gesch. d. Juden 18 Bde
Meyer's u. Brockhaus
Konvers. Lexika 1908,
Brehm's Tierleben,
Kaufm. Bibliothek,
Spamers ill. Weltgesch.
Fremdworterbücher,
Wörterbücher in allen
Sprachen,
Literaturgeschichte,
Samtl. Klassiker,
Handels- u. Sprach-
Wissenschaften etc.
Alles in neuester Auflage u.
Prachtbanden gebunden
in
liefert gegen Monats-
raten v. K. 3 aufwarts
**A. Weissmann,**
**Podgórze** (Galiz.)

---

# Kaufm. Fern-Unterricht!

בוכפיהרונג. (אללע מעטארען) האַנדעלסקאַרעספאָנדענץ, דייטשע שפראכלעהרע, קויפמ. רעכנען, האַנדעלס און וועכסעלרעכט, וואַרענקונדע, געאָגראפיע, שענשריבען, וועלטגעשיכטע, עספעראַנטאָ - וועלטשפראַכע, סטענאָגראַפיע (אַללע סיסטעמע) א. ז. וו. קאָנן יעדערמאַנן אהנע בעזאָנדערע פאָרקענטניססע אים בריעפליכען וועגע אונד אין קורצער צייט גרינדליך ערלערנען. — האָנאָראַר מעססיג, — ביי גלייכצייטיגער טיילנאַהמע אן 4 לעהרפעכערן,

**Stenographie gratis**

אנפראַגען נור געגען רעטורקארטע, פראספעקטע געגען 15 העלי פראבעבריעפע K. 1.50 פראַנקא, ערפאָלג גאַראַנטירט!

**Erstes commercielles Unterrichts-Institut.**
**Abteilung für briefl. Unterricht**
**A WEISSMANN, Podgórze-Krakau 37.**

---

# התחיה"
## בוכהאנדלונג פיר ליטעראטור
געגרינדעט דורך
### אברהם ראבינזאהן, סטאניסלוי.

די בוכהאנדלונג „התחיה" האט תמיד אויף לאגער אלערליי העברעאישע און זשארגאנישע ביכער, נייע און עלטערע, צו די בילינסטע פרייזען.

די בוכהאנדלונג „התחיה" ערלעדיגט אלע בעשטעלונגען פון דער פראָווינץ פינקטליך און שנעל.

אין דער בוכהאנדלונג „התחיה" קען יעדער ליטעראטור־פריינד תמיד בעקומען וועלכע ביכער ער וויגשט.

לעהרער, חדרים און ביבליאטהעקען בעקומען ראבאט.

אדרעסע:

**Buchhandlung „Hatechijah"**
**A. Robinsohn, STANISLAU.**

---



**Expedition von Gepäck, Bagage, Ausgabe von Schiffs- und Eisenbahnbillets nach allen Weltteilen.**

## G. Schijus, Reise-Bureau,
## Wien, II. Mayergasse 3.

---

## זאדאוואסער־מאשינע!



קופפער־
צילינדער,
סיפאן
אונד
לימאנאדען־
פלאשען

ליפערט
שטויכענד בילליג:

**Bruckenstein Lemberg, Panieńska 15.**

---

## עס ווירד געזוכט.

אין מאשינענמייסטער וועלכער גלייכצייטיג מאטריצער זיין זאָל. רעפלעקטאנטען וואלען זיך ווענדען אן דער רעדאקציאן דיעזעס בלאטעס. אונטער „מאשין".

---

## עפילעפסיע.

ווער עס אן פאללויכט, קרעמפפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען לײדעט, פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס א. פראנקא דורך די

**Privil. Schwanen-Apotheke. Frankfurt a. M.**

---

## וויכטיג פיר הויזפרויע!

די בוטטער, דיא זיא טעגליך קויפען איז אונבעריינט צו טהייער. פערזוכען זיא עס איינמאל מיט דער

## פאטענט־בוטטער „מאנאפאל"

דיא זיא אים יעדען בעסערען געשעפטע ערהאלטען, מאנאפאל־בוטטער כשר מיט הכשר איזט דער קוה־בוטטער פאָלקאממען גלייך אונד ווירד וועהרענד דעם מאנאטס מערץ צום פרייזע פאן 1.20 פער ½ קילא פערקויפט. ווא ניכט פערהאנדען־ ווענדע מאן זיך אן די

**Erste Oestr. Patentbutter-Fabrik Krakau, Jasna 8.**

Telefon Nr. 484. * Unternehmung für elektrische Beleuchtung & Kraftübertr. gung * Telefon Nr. 484.



# Ing. Rudolf Popper, Krakau, Florianigasse 47.

Ge ichtlich beeideter Sachverständiger.

Bau elektrischer Zentralstationen jeder Art und Grösse für Beleuchtung & Kraftübertragung. Komplette Einrichtungen für Fabriken, Gruben, Mühlen, Ziegeleien, Dampfsägen, Raffinerien, Brauereien, Landwirtschaften, Hotels, Villen, Paläste etc

Bau von schalttafeln für alle Stromarten.

Fabrikation von elektr. Starkstromapparaten für Specialzwecke

Grösstes Lager elektrotechnischer Installationsmaterialen, Dynamomaschienen, Elektromotoren; Ventilatoren, Bogenlampen, sowie aller Art moderner Beleuchtungskorper.

Projekte, Kostenanschläge und technische Beratungen auf Verlangen kostenlos.






Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1903

najwyższem odznaczeniem

Grand Prix

**Uwaga!** Przed zakupnem landety pruskiej prosimy żądać od naszego **wyłącznego zastępstwa na całą Galicyę pod firmą:**

pierwszy krajowy skład

## Gramofonow

hurtowny i częściowy

# Józefa Wekslera

LWÓW, ul. Sykstuska 2. KRAKÓW, ul. Grodka 71.

darmo i opłatnie najnowszego głównego katalogu nowo ulepszonych orygin. amerykańskich gramofonów z marką **»Piszący aniołek«** znaną na kuli ziemskiej z trwałości i oddania głosu naturalnego **bez szmeru**. Firma ta ma zawsze na składzie **kilka tysięcy płyt** najnowszych zdjęć pierwszorzędnych sił artystycznych **w różnych językach** oraz **kolosalny wybór** gramofonów oryginalnych.

Główna ekspedycya hurtowna i częściowa na całą Galicyę

Centralna zamiana płyt. Części składowe i warsztaty reperacyjne na miejscu.

The Gramophone Company Ltd. w Londynie.




Gramofon koncertowy

najnowszej konstrukcyi z 10 podwójnemi płytami **60 K.**



## Lecznica chirurgiczna Zakład Roentgenowski
## Dr. Artura Frommera

Godziny ord. 9—11 przedpoł. 3—5 popoł.

Kraków, Tomasza 18. Róg ul. Floryańskiej

Telefon Nr. 81.

## ZAKŁAD WODOLECZNICZY i SANATORYUM

Spec. chor. nerwowych Dra B. Kupczyka

**Kraków, ul. Szujskiego 11.**

Wodoleczmictwo parnia, kąpiele gorące powietrzne, swietlno-elektryczne, wodo-elektryczne, gazowe nasycane ciekłym kwasem węglowym (nauheimskie), sztuczne kąpiele mineralne, ciepłe wanny. — Elektryzowanie wszelkiego rodzaju. Masaż ręczny, wibracyjny, elektryczny. — Leczenie dyetetyczne, tuczne. Pokoje dla chorych:

**Wsazania:** Choroby układu nerwowego, żołądka, jelit reumatyzm, niedokrewność osłabienie ogólne, otyłość, skaza moczanowa, cukrzyca. Choroby serca i naczyń krwionośnych

Schönste

## Hochzeits-Geschenke und Verlobungsringe

aller Art Uhren, Ketten, Juvelen, Gold, Silber und Neusilberwaren

**BILLIGST** bei Emil Goldwasser, Krakau, Grodgasse **Nr. 58**

Bitte die Adresse u. Hausnummer gefl. genau zu beachten.

# ARTHUR POPPER

KRAKAU

chem. Waschanstalt und Kunstfarberei mit Dampfbetrieb.

Empfiehlt sich zum c em Rein gen von Herren, Damengarderobe, Vorhange, Portiere, Talisem etz.

Ausführungen unübertroffen. Preise billiger a's überall.

Provinz-Auftrage werden postwendend ausgefertigt und franko retouniert.

Wer auf einmal für 20 K. zum Reinigen oder Farben Gegenstande gi t, erhal 8% **Rabatt** oder einen Gegenstand gratis gereinigt.

Fabrik und Bureau

KRAKAU

Zwierzynieckagasse Nr. 25

Ausgezeichnet mit den grossen goldenen Medaille auf der Hygenischer Ausstellung in Paris.


Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.